בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ"ט

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

״זיך נישט עקשנ׳ען
נצחתי ואנצח
אבי אויספירן מיין זאך
עיקר העקשנות ברצון!
בכל פסיעה ופסיעה
המעיין בתפילתו
ויגזור אומר ויקום
הקטרוג על הבעל שם הקדוש
אני חומה
עשה מה שעליך
פארוואס פיל איך נישט קיין טעם?
אויפן שארף פון א שווערד
ביז מען ווערט אן איש כשר
דו ביסט דאך דאס געווען
נאך נישט קיין תלמיד פון בעל שם
לעתיד וועט מען וואוסן
׳דארטן׳ וועט ער פארן מיט דער קארעטע׳

ניתן להאזין לכל השיחות שי״ל על ידינו:
בקו ׳מערכת ברסלב׳
ארה״ק: 02.560.7387
ארה״ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו״ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח״כ 99#

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זי״ע

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443**
(ארה״ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של $15 עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס׳**
**(+1) 347-232-7166**

בס"ד

# שיעור פרשת תולדות (ח"ב)
# שנת תשל"ו

(טייפ מס' 111-112#)

## זיך נישט עקשנ'ען

(ר' נחמן בורשטיין: ר' זלמן[א] פלעגט דערציילן זאכן וואס ער האט געזעהן ביי די גדולים פון וואס ער האט גענומען ביי זיי די הסכמות?) **ר' זלמן האט אזוי געזאגט: "ער ווייסט אזעלכע זאכענישן פונעם רבי'ן וואס** (אפילו) **רבי נתן ווייסט נישט".**

(ר' נחמן: וואס? דער רבי האט מיטגעשיקט מיט אים עפעס א סוד?) **אז ער איז דארטן אוועקגעפארן א יאר צייט** (לאסוף ההסכמות), **האט אים דער רבי דארטן מיטגעגעבן זאכענישן** (איזה שליחות, והזהירו) **אז 'ער זאל נישט זאגן' - האט ער דאך נישט געקענט זאגן, האט ער געהאט עטליכע זאכן וואס ר' נתן ווייסט נישט.**

(ר' נחמן: אבער ער האט נישט דערציילט זאכן פון די גדולים - פון דעם קאזניצער מגיד צו וואס?[ב]) **ער האט גארנישט דערציילט.**

**ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אזוי געזאגט: "כאטש מיר ווייסן דאך נישט, אבער מיט פארשטייען".**

---

[א] מאנשי עבודת ה' שבתלמידי רביז"ל. נתקרב לרביז"ל באלול דשנת תקס"ב יחד עם מוהרנ"ת ור' נפתלי. אותו שלח רביז"ל לגדולי הדור לקבל ההסכמות לספרו הקדוש "ליקוטי מוהר"ן" ואודות עוד ענינים כמוסים.

[ב] עי' אוצר נחמני

- מיר ווייסן נישט וואס דער רבי האט איבערגעגעבן פאר ר' זלמן'ען צו דעם חוזה און צו דעם קאזניצער מגיד, אבער מיר פארשטייען 'וואס'. דעמאלט איז געווען וואס זיי האבן עוסק געווען אין ביאת משיח - זיך פארלייגן מיט כוחות צו ברענגען משיח'ן. דער רבי האט נישט געהאלטן דערפון - 'מען זאל זיך נישט עקשן'ען'. האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: מיר ווייסן אז (שהשליחות גם היה) וועגן דער זאך. דער רבי האט באפוילן - זיי זאלן אפלאזן, זיי זאלן זיך נישט עקשן'ען.

(אחד הנוכחים: זיי זענען נפטר געווארן אין איין יאר - דער קאזניצער מגיד[ג] מיט דער חוזה[ד] - תקע"ה, און נאך -)

(ר' נחמן: דער רבי ר' מענדעלע רימנוב'ער[ה])[ו].

---

[ג] נסתלק י"ד תשרי.

[ד] נסתלק ביום תשעה באב.

[ה] נסתלק י"ט אייר.

[ו] עי' בספר "עשר אורות" (תרס"ז) להרה"ג ר' ישראל בערגער זצ"ל אב"ד בוקארעסט, במדור הרה"ק החוזה מלובלין, מעשה נורא אודות ענין זה, וזהו מש"ש: כתב לי ידיד נפשי ומחותני הגאב"ד **פלונסק** שליט"א, מה שכתב לו הרה"ג **מסעראצק** שליט"א, מענין הנפילה מהרבי **מלובלין** ז"ל. אחרי שנת תקע"ד שראו השגחת השי"ת בנפול הקיסר נאפליאן עד שלוקח בשבי, רבים נבאו להם כי יתגדל ויתקדש שמיה רבה. ולאשר הרבי מלובלין היה מצפה תמיד לישועת ה' שיבוא הגאולה עלי ידי מלך המשיח בב"א, והרה"ק בעל **קדושת לוי** אמר קודם פטירתו, שלא יתן מנוחה לכל הצדיקים, מדוע לא בא בן ישי. היה מדובר שהרה"ק **היהודי** יסתלק מהעולם, ולהיות להם לעזר בהתגלות העולם העליון, ובעזר **המגיד מקאזניץ** ותלמידיו הרה"ק **המאור ושמש** והרה"ק **רבי נפתלי הירץ היילפרין** אבד"ק **ברעזאן**. ומצא עת רצון ליל שמחת תורה, שכל ישראל זכאים אחרי יום הדין, וביום שמיני עצרת שתו בביתם מי דבש, והעמידו כל הצלוחית הריקנים על החלון, ואמר לאנשי שלומו כשיהיה לנו שמחת תורה טוב, אזי יהיה לנו גם תשעה באב טוב. ואחר ההקפות צוה לאנשי שלומו להיות בהבית הגדול, ולשמור אותו בעינא פקיחא בחדרו המיוחד לו, ונעשו כחרשים ולא שמעו, אז צוה הרבי לזוגתו הרבנית בילא שתביט עליו לשמרו, אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר. המגיד מקאזניץ נסתלק ערב סוכות. בבית הרב מאור ושמש זרקו אבן, ושברו זכוכי החלונות, אמר מי יודע מה נשמע שם בלובלין. והרבי צווח בבכיות, פתאום נדמה להרבנית, צעקת ובכיית ילד דופק בפתח ביתה, ושכחה הציווי והלכה לפתוח הדלת, ובשובה אליו, והנה הרבי איננו בבית, רק ראתה שתפסוהו מהבית דרך החלון. אנשי שלומו הבינו כי לא דבר פשוט הוא, שלא היה ביכולת איש להפיל עצמו מהחלון, כי החלון גבוה מכתפי איש, וגם כל ימי שבתו בחדרו לערך ט"ו שנה לא התקרב להחלון להביט בשוק, גם כל הצלוחיות עמדו בחלון על עמדם. וחפשוהו, עד אחר איזהו שעות הלך הרה"ח מו"ה **לייזר מחמעלניק** חתן הרה"צ הפרוש איש מופת **רבי צבי הירשלי מסטאשוב**, והלך סביב להבית בריחוק חמישים אמות ויותר, ושמע גינוחי איש, שאלו מי אתה, השיבו יעקב יצחק בן מאטיל, ועשה רעש, ונאספו גדולי תלמידיו [...] והרבי אמר שלקחוהו השמים לדונו על שרצה לדחוק הקץ, ופסקוהו להשליכו לארץ, והמגיד מקאזניץ פירש כנף בבגדו, להורידו בנחת ארצה, ולולי הוא לא נשאר עצם שלם ח"ו משונאי ישראל, ומזה נודע להרבי כי המגיד נסתלק, ואילו ידע מזה לא היה מתחיל כלל. ואצל הר"ר נפתלי הירץ עם ריקודיו ושירות בין חסידי שלומו ע"פ כוונת האריז"ל,

# נצחתי ואנצח

**דער רבי אליין האט געזאגט: "איך בין א נצחן! איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן"[ז].**

- דאס איז אויך נישט צו פארשטיין; ביי אסאך זאכן זעהען מיר ארויס אז דער רבי האט זיך נישט גע'עקשנ'ט; ביי חייקל'ען דארטן מיטן נאמען[ח] - און נאך זאכענישן[ט] - דער רבי האט זיך נישט גע'עקשנ'ט. נאר ווייזט אויס, דאס וואס עס איז נוגע צו דעם עצם רבי'נס זאך אויף השארה לדורות, דארטן האט ער זיך יא גע'עקשנ'ט. און כאטש עס האט נוגע געווען צו די קינדער און עס האט נוגע געווען צום זיווג ראשון, דארטן האט ער זיך יא גע'עקשנ'ט! דארטן וואו עס איז דאך אן 'השארה לדורות' האט זיך דער רבי יא גע'עקשנ'ט. "אני נצחתי ואנצח" - ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דאס ארומגערעדט.

(ר' נחמן: ר' אברהם ר' נחמן'ס רעדט אויף דעם[י]; ער פרעגט די קשיא, ווי קומט אז דער רבי האט זיך אזוי פאר'עקשנ'ט דארטן ביי ארץ ישראל[יא], עס איז דאך געווען 'דרכו שלא להתעקש'? פרעגט ער די קשיא, אבער עס פעלט א שטיקל דארט!) ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט תמיד רעדן דעם שמועס - און די תירוץ האט ער נישט געענטפערט, און די משמעות איז געווען אזוי ווי מיר רעדן

---

נפל אש מן השמים לבית הרב, וכמה אנשים ברחו לנפשותם, והשפחה הנערה נשרפה באש והוא היה עומד בביהמ"ד בשירו ושבח", עכ"ל.

גם עי' בספה"ק "קרבן העני" להרה"ק ר' יעקב קטינא זצ"ל, מה שכתב בפר' שלח ד"ה "ויכרתו משם": "**גם ידוע לכל המעשה שאירע בעוה"ר לרבינו הקדוש מלובלין שהתאמץ מאוד בדבר גאולת ישראל בליל שמחת תורה והסיבה הרעה שנזדמנה לו**. ושמעתי מפי איש אמת ששמע מפה קדוש רבינו צבי מזידוטשוב תלמידו שאמר שכל הע' שרים עשו קשר אחד להשליך גופו הקדוש של רבו להלאה מהרי חושך אך ה' צבאות היה בעזרו והצילו".

[ז] חיי מוהר"ן רי"ח.

[ח] עי' שיש"ק ח"א, תס"ח.

[ט] עי' "כוכבי אור" אנשי מוהר"ן אות ה', ובחיי מוהר"ן תל"א-תל"ה, ועוד.

[י] עי' סוף ספר ביאור הליקוטים תחת הכותרת "ארץ ישראל".

[יא] עי' שבחי הר"ן חלק שני, אות ו'.

דא, אז א זאך וואס איז נוגע געווען ביים רבי'ן אויף 'השארה לדורות', דארטן האט ער זיך יא גע'עקשנ'ט.

- 'דעם רבי'נס ארץ ישראל' איז נוגע צו דער גאנצע השארה פונעם רבי'ן! וואס דער רבי האט זוכה געווען דורך ארץ ישראל - - די גאנצע השארה וואס עס איז געבליבן פונעם רבי'ן איז אלץ תלוי אין דעם 'ביאת ארץ ישראל'. ממילא, אויף 'השארה' לדורות, דארטן האט זיך דער רבי יא גע'עקשנ'ט.

❖

# אבי אויספירן מיין זאך

ר' חייקל האט אמאל געזאגט צום רבי'ן: "רבי, איך האב אייך צו פרעגן א קשיא". "נו, פרעג". "איך האב מורא אז דער רבי וועט זאגן: 'חייקל שטארב' - וועט חייקל שטארבן". האט דער רבי געזאגט: "פרעג, פרעג". האט ער געפרעגט: "רבי, איר שלעפט אויף זיך מחלוקת, איר שלעפט אויף זיך מחלוקת; אז איר זענט ארויס אין מעדוועדיווקע, איז געווען דארטן א מלמד (שחלק על רבינו) [איך וויים - א מעשה געווען דארטן אין מעדוועדיווקע[יב]...] - און נאכדעם איז געווארן שטיל; זענט איר אריין אליין קיין זלאטיפאליע, איר האט קיינעם נישט געפרעגט - נאר אריין[יג], איז געווארן א פייער - א מחלוקת איז געווארן דארטן – 'תרתי גהינם'"[יד]. און ער האט אויסגערעכנט דארטן פון ברסלב, און פון אומאן - פון אסאך ערטער אויסגערעכנט. "אין אומאן זענט איר אריין אין א שטוב פון נחמן נתן'ען, עס איז קיינמאל נישט דערמאנט געווארן דעם אויבערשטנ'ס נאמען דארטן" - און נאך אויסגערעכנט אלע קשיות. (והפטיר:) "איר שלעפט אויף זיך מחלוקת אליין".

- האט דער רבי געזאגט: "נו, גוט דו האסט זיך באווארנט! [אז נישט וואלט ער געכאפט א פסק פונעם רבי'ן פאר'ן פרעגן...]; נאר אויספירן מיין זאך, (דארף איך)

[יב] עי' שיש"ק ח"א, אות ל"ג; ובחיי מוהר"ן קי"ב.

[יג] עי' חיי מוהר"ן קי"ד.

[יד] חיי מוהר"ן קט"ו.

**נישט נאר זיך שלעפן פון שטאט צו שטאט, נאר זיך שלעפן פון איין סזפריזבע צו די אנדערע סזפריזבע - אבי אויספירן מיין זאך!".**

**'סזפריזבע' הייסט אן "איצטבא". דא איז עס נישט דא. אין אוקריינא איז געווען אזא מין סארט** - (השואל: מען איז געזיצן אויף דעם?) **יא יא.** (אחד הנוכחים: א שטיבעלע אין דער וואנט!) (אחד הנוכחים: אין קבר רחל איז דא דארטן - מען זיצט ארום און ארום!) **יא יא.**

(ר' משה בינענשטאק: וואס הייסט דאס: "פון איין סזפריזבע צו די אנדערע"?) **זיך בייטן פון איין הויז צו אן אנדערן הויז. א מענטש בייט זיך** (צומאל) **איבער א שטאט, אבער פון דער הויז צו דער הויז און אלעמאל זיך האלטן אין איין בייטן?!** (- זה לא שכיח). **האט דער רבי געזאגט: 'אפילו דאס - אבי אויספירן מיין זאך!'.**

**זעהען מיר ארוים דערפון, אז דער רבי האט זיך נישט גע'עקשנ'ט, אבער אין דער עצם עבודה איז ער געווען א געוואלדיגער עקשן - דאס ווייסן מיר גארנישט.**

# עיקר העקשנות ברצון!

אין דער עצם עבודה וואס דער רבי האט געוואלט אריינגיין דארטן, אין א 'השגה למעלה' – דערלאנגען אן השגה, האט זיך דער רבי נישט גע'עקשנ'ט אין דעם זמן אז 'איך וויל שוין' - דאס האט ער זיך נישט גע'עקשנ'ט, אבער דאס אז 'איך וויל דער זאך' האט ער זיך יא גע'עקשנ'ט[טו].

דער רבי זאגט אין די תורה "ט' תיקונים" (תורה כ'); אז דער 'פגם הכאת הצור' איז געווען 'דוחק את השעה'. א 'דוחק את השעה' איז דער פשט, דער הכאת הצור האט באדארפט זיין, נאר (היו צריכין) אביסל צו-ווארטן.

---

[טו] פירוש: כי יש שני מיני עקשנות; יש עקשן ב'זמן' - שרוצה להתעקש ולהשיג דבר מבוקשו עכשיו תיכף ומיד בכות, זהו ענין האיסור של דחיקות השעה שנגדו דיבר רבינו; ועוד יש עקשן ב'חֵפֶץ' - שרוצה להשיג איזה דבר ואינו מפסיק ומסיח דעתו מזה ומתפלל על זה תמיד יום אחר יום בעקשנות בלי ליאות ובלי שיהיה קשור לזמן קצוב, אשר על זה העקשנות דיבר רבינו שצריך להיות עקשן גדול בעבודת ה' וכו'.

און דאס איז דער רבי געווען; כאטש דער רבי האט אזוי פיל דערלאנגט – אזוי הויעך, נאר וואס דען? קיין 'דוחק את השעה' איז ער נישט געווען. ער האט געוואלט דער זאך, און ער האט געווארט, און ער איז געקומען דערצו.

דער חילוק איז דאך נאר; איינער וויל א זאך און מען הייסט אים ווארטן. ער וואלט דאך געוואלט 'שוין'! ער וויל דאך - געוואלד! (אבל באמת) אז ער ועט ווארטן, וועט דער זאך זיין שענער, ווייל אז ער האט געווארט איז געווארן מער כלים.

נאר וואס דען, בשעת ער ווארט דארף ער נישט אפהאקן דעם רצון פון צו וועלן! עס איז דא אזא איינער - ער וויל א זאך, און אז ער האט נישט האט ער נישט, שוין, ער לאזט אפ דעם געדאנק, ער הערט אויף צו וועלן; און אז ער הערט אויף צו וועלן, קען זיין ער זאל גארנישט קומען קיינמאל צו דער זאך. אבער אז ער וויל, און מען זאגט אים פון אויבן: "ווארט", און מען גיט אים נישט, און ער וויל ווייטער, און ער האלט אין איין וועלן - אט דאס איז געווען די וועגן פון צדיקים - דער כח הרצון![טז] (זיי האבן געהאט אזא רצון צום אויבערשטן - און זיי האבן קיינמאל דעם רצון נישט אפגעלאזט, האט ער זיך דערוואורט. דאס איז אזוי; אויף דער זאך אליין איז ער געווען אן עקשן אז ער מוז קומען צו דער זאך, נאר צו זאגן 'שוין' - דאס נישט, עס געדויערט[יז].

❖

(ר' נחמן: וואס האט דער רבי געזאגט: "דעם הערש מוז איך כאפן" - -) **יא, קעגן ארץ ישראל![יח] אוודאי: "ווען איך זאל נישט כאפן דעם הערש, איז דאס לעבן מיר נישט ניחא"[יט].**

❖

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא מ"ח, ובליקוטי הלכות אונאה ה"ג, אות א', ובהל' ערב ה"ג, אות ה'.

[יז] עי' באריכות בליקוטי הלכות הל' ברכת המזון ה"ד, בסופו, שעיקר העקשנות הוא ברצון, עיי"ש.

[יח] עי' ב"טעם זקנים" קונטרס ע"ה.

[יט] מובא ב"כוכבי אור" - סיפורים נפלאים, "מעשה ממלך שרץ אחר צבי": "המשל ממלך שרץ אחר צבי ולא יכול להשיגו, והעמידו את עצמם השרי מלוכה ואמרו אדוננו המלך נחזור וכו', ענה המלך ואמר: אני את הצבי מוכרח לצוד ומי שרוצה לחזור יחזור וכו'".

# בכל פסיעה ופסיעה

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט תמיד רעדן, אז יעדער זאך וואס דער רבי האט געטאן, האט ער אלץ געטאן אז עס זאל זיין א 'השארה לדורות'. דער רבי לעצמו האט געהאט אזא מין וועג – זיין אלע יארן פארבאהאלטן און זיין דארטן אין די פעלדער אין די וועלדער אז מען זאל גארנישט וויסן פון אים. דער רבי האט א זאג געגעבן: "וואס האט מיר געטויגט דאס פירסום?! בכל פסיעה ופסיעה האב איך געפילט טעם גן עדן!"[כ].

- דאס האט דער רבי געוואלט; אבער אז עס איז געקומען אויפן רבי'ן (- השיג בדעתו), אז דער ענין איבער דער 'השארה' איז העכער דערפון, איז וואס ער האט געטאן א זאך נאך דעם געדאנק, איז אלץ געווען אז עס זאל בלייבן א השארה לדורות - אלעס![כא]

'ארץ ישראל' איז שוין א 'השארה לדורות'. ער איז אריין אין זלאטיפאליע אויך צוליב א השארה לדורות. דער רבי איז (ארום)געפארן די נסיעות, וואס ווען מען זאל וויסן דאס גרויסקייט פון די נסיעות - - (וכמו שאמר:) "בכל פסיעה ופסיעה בין איך (מכריע את העולם לכף זכות", וכדו'[כב]) - אזעלכע געוואלדיגע לשונות, געוואלדיגע לשונות!

ממילא איז פארענטפערט דער קשיא; דער רבי איז נישט געווען קיין עקשן אויפן 'זמן', אבער דער עצם 'זאך' האט ער אויסגעפירט. וואס ער האט געוואלט האט ער אויסגעפירט - נאר 'שוין'? 'שוין' - נישט. צדיקים וואס זענען געווען עקשנים אויפן 'זמן' האט נישט געטויגט[כג].

---

[כ] חיי מוהר"ן אות ק"ז: "וסיפר רבי שמעון שפעם אחת אחר שנעשה מפורסם נסע עם רביז"ל דרך כפר אוסיאטין, ששם יגע רביז"ל בעבודתו הגדולה בבית חותנו, שהיה דר שם, ונסע עמו דרך השדות וכיוצא, והיה רביז"ל מתגעגע מאד ואמר כמה היה טוב לפני בכאן **כי בכל פסיעה ופסיעה הרגשתי טעם גן עדן**. כי שם באלו הדרכים היה רגיל לילך ולהתבודד והיה מיצר ומתגעגע מאד ואמר **הלא כאן היה טוב לפני מאד, ולמה לי הפרסום של עכשיו**".

[כא] עי' חיי מוהר"ן קצ"ז; ובליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' עה"פ "אשר אין חליפות למו".

[כב] עי' חיי מוהר"ן, אות קט"ו, קכ"א, קנ"ה, ר"י.

[כג] עי' ליקוטי הלכות הל' גזילה ה"ה, אות ז'-ח'.

יעדער צדיק איז דאך עוסק אין ביאת משיח, דער רבי זאגט אין תורה ס"ז (תניינא): "השי"ת הבטיח לכל המתאבל על ציון לשום לאבילי ציון 'פאר תחת אפר'", דארף מען אויפשטיין חצות. אז דער אויבערשטער האט מבטיח געווען אז ער וועט געבן 'פאר תחת אפר' - דארף מען אויפשטיין חצות. רעדט דאך דער רבי יא אן ענין אז יעדער איד דארף האבן א בענקאכטס צום בית המקדש. ווער האט נאך אזוי גערעדט פון חצות ווי דער רבי רעדט?! ביי וועמען איז נאך אזוי געבליבן דאס חצות אזוי ווי ביים רבי'ן?! עס איז דא צדיקים וואס האבן גערעדט פון חצות, איז דען געבליבן די חצות אויף דורי דורות? דער בעל שם הקדוש[כד] און אלע צדיקים זענען דאך פול מיט חצות - און ביים רבי'ן איז דאס געבליבן! מענטשן - קליינע מענטשעלעך, ביינאכט, מען שטייט אויף, וואספארא חצות עס איז נאר, אבער ער שטייט אויף און ער האט אינזין דעם בית המקדש, דאס איז דאך געבליבן א זאך אויף דורי דורות.

- אבער עקשן'ען זיך: 'איך וויל שוין דעם בית המקדש' - דאס טאר מען נישט! 'שטיי אויף חצות, בעט דעם אויבערשטן' - און דו ביסט מקרב דער גאולה! דו האסט א חלק אין ביאת משיח! דו האסט א חלק אין ביאת משיח! אויבן איז זייער חביב אז מען האט אזעלכע געדאנקען אז מען וויל דאס, דאס איז למעלה זייער חביב - אבער עקשן זיך נישט. דאס הייסט; עקשנ'ען זיך אויפן 'זמן' טאר איך נישט - זיך עקשן'ען אז 'איך וויל שוין'.

❖

# המעיין בתפילתו

"המעיין בתפילתו בא לכאב לב"[כה]. וואס איז דער פשט 'ער איז מעיין'? 'המעיין בתפילתו' איז דער פשט, 'איך האב דאך עפעס געדאוונט - פארוואס ווער איך נישט געהאלפן?' - קומט ער 'לידי כאב לב'.

דער מענטש וואס ער דאוונט - ער דארף וועלן, און ער דארף טאקע געהאלפן ווערן, אבער זיין א מעיין בתפילתו - 'פארוואס ווער איך נישט געהאלפן, איך האב

---

[כד] עי' צוואת הריב"ש אות ט"ז, כ"ו-כ"ח, פ"א.

[כה] ברכות לב:

דאך געדאווענט?' - דאס איז שוין אן ענין אז דו ווילסט 'שוין', אויף אט דאס קען מען אים געבן א קלאפ קריק און ער קומט 'לידי כאב לב'. עס איז א גמרא[כו]: "דריי זאכן זענען 'מזכירין עוונותיו של אדם'" - און איינס איז, 'עיון תפילה'.

א געוואלדיגער בקיאות ליגט אין דער זאך: דו זאלסט נישט אויפהערן צו בעטן, און דו זאלסט נישט אראפפאלן וואס דו ווערסט נישט געהאלפן[כז]. דאכט זיך מיר, אז רש"י זאגט דארטן[כח]: "לה' הישועה" - די ישועה ליגט אויפן אויבערשטן - דער אויבערשטער דארף העלפן. "על עמך ברכתיך סלה" - זיי דארפן דיך נאר לויבן, זיי דארפן דיר בעטן, אט דאס איז זייער זאך. די ישועה - דאס איז דעם אויבערשטנ'ס זאך, דו דארפסט נאר בעטן און לויבן - דאס איז דיין זאך.

❖

# ויגזור אומר ויקום

דער רבי האט דאך געזאגט: "וואס איז דער חילוק פון מיר ביז משיח'ן? ביי אים וועט זיין 'ויגזור אומר ויקום'[כט,ל] - ביי אים וועט זיין 'שוין'. אז ער וועט נאר זאגן - וועט זיין 'שוין', "ויגזור אומר ויקום", ער וועט זאגן א זאך און 'שוין' (יתקיים); און דא (לעת עתה) איז עס נאך נישטא, און אז עס איז נישטא, קען מען זיך נישט עקשנ'ען אז עס זאל יא ווערן אזוי; ווייל פארוואס איז נישטא? ווייל עס איז נאך נישט דער זמן אז עס זאל זיין אזוי.

עס איז א קליינ'יקייט וואספארא צדיקים עס איז געווען? געוואלדיגע גרויסע צדיקים - די חברייא פון ר' שמעון'ען, עפעס א קליינ'יקייט? זיי זענען דאך געווען אידן וואס זיי האבן מקרב געווען דער גאולה, וואס זיי האבן אלץ נאר געטאן... און די גאולה איז

---

[כו] ברכות נה.

[כז] עי' באריכות מזה בליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד.

[כח] על תהלים ג, ט, וז"ל: "**'לה' הישועה' וגו' – עליו להושיע את עבדיו ואת עמו, ועל עמו מוטל לברך ולהודות לו סלה**".

[כט] איוב כב, כח.

[ל] עי' חיי מוהר"ן רס"ו.

דאך נישט געווען בימיהם. זעהען מיר דאך, אז זיי זענען געגאנגען אלץ אויפן רבי'נס גאנג: 'טוט אלע זאכן וואס עס איז מקרב די גאולה - און נישט זיך עקשנ'ען!'

❖

אט דאס איז א געוואלדיגער גוטער גאנג אין אידישקייט אויך; א מענטש אז ער וויל א זאך און ער ווערט איבערראשט פארוואס ער האט עס נישט, קען עס אים אראפווארפן אמאל אויך, און ער קען אויך גאר האבן א קטנות אין דער תפילה אז עס זאל אים אויך בטל ווערן דער אמונה אין תפילה; (ונמצא עי"ז) אדער אז עס זאל זיין (מלובש בתוכו) א 'פרומער' בעל דבר אז דער אויבערשטער וויל נישט זיין תפילה (- כי אינו ראוי); אדער עס קען אים ארײנפאלן אויך אמאל א געדאנק אז עס הערט זיך נישט (קיין תפילה). אויב ער איז א 'דוחק את השעה', קען זיך ארײנכאפן אזא מין געדאנק אויך, איז ער אין א סכנה.

נאר אויב ער איז מרבה בתפילה, און אין געדאנק איז ער נישט קיין 'דוחק את השעה', איז ער מובטח אז ער גייט העכער! ער גייט און גייט און גייט - און ער וועט נישט פאלן קריק. פארוואס? ווייל די ישועה - דאס איז דעם אויבערשטנ'ס זאך. 'קיין שום דיבור ווערט נישט פארפאלן' און 'קיין שום רצון ווערט נישט פארפאלן'! איי, געהאלפן ווערן? דאס איז אויבן, דאס מאכט מען אויבן חשבונות. דיין זאך איז: 'ווייטער בעטן' און 'ווייטער לויבן', ווייטער איז נישט שייכות צו דיר - דאס מאכט מען שוין אויבן.

❖

# הקטרוג על הבעל שם הקדוש

צדיקים אז זיי געבן אן הבטחה, קוקן זיי גוט אין דער הבטחה וואס זיי גיבן צו עס קען (דורכגיין). דערפאר ביים בעל שם הקדוש איז געווען א געוואלדיגער קטרוג אין איסטאמבול דארטן ווען ער האט צוגעזאגט פאר די פאַרפאָלק 'קינדער' און ער האט

נישט געפרעגט, ער האט נישט מעיין געווען צו זיי קענען האבן קינדער צו נישט, איז געווארן א געוואלדיגער קטרוג[לא].

- און ווייל דער בעל שם הקדוש האט זיי צוגעזאגט, האט מען דאך געמוזט מקיים זיין זיין 'ציווי', ווייל וואס ער זאגט איז געזאגט - עס ווערט מקויים, (על כן) האט דאך געמוזט מקויים ווערן אז זיי זאלן האבן קינדער, און ער און זי האבן האבן בשורש גארנישט קיין קינדער געקענט האבן, האט מען דאך געדארפט מאכן א שינוי אינעם שורש, [וואס דאס איז אויך געווען ביי די אבות און אמהות הקדושים[לב]], דערפאר איז געווען אויף אים א קטרוג: 'פארוואס טוסטו אזא זאך? גיב פריער א טראכט, זעה פריער צו עס קען זיין צו נישט'. (צוליב) די התרוממות המוחין וואס ער האט געהאט אויפן וועג (לארץ ישראל), דערפאר האט ער גארנישט געטראכט.

צדיקים אז זיי זאגן א הבטחה, דארפן זיי זיך גוט אויסקוקן אין דער עצם זאך אריין - צו עס קען זיין צו נישט. עס איז דא הבטחות וואס ווערן טאקע מקויים, צדיקים! אפילו דער וואס האט שוין א הייליגער מוח - ביי אים איז דאס אויך א געוואלדיגער בקיאות - "זמנין דשמע זמנין דלא שמע"[לג]. אז דער מענטש איז שטארק אין דער זאך, איז ער מובטח אז ער וועט זיך האלטן ביזן סוף!

❖

## אני חומה

נאך א זאך איז דא; ביי אן אנדערע זאך - א גשמיות'דיגע זאך, אז איך בין נישט מנצח, זעהט מען אז איך האב נישט מנצח געווען. אז איך האב פארשפילט דעם קריג, זעהט מען אז איך האב פארשפילט דער קריג. דא איז דאך אבער אן אנדער זאך, (ווייל אפילו) ער איז מנצח - נאר ער איז נישט קיין מבין צו ער האט מנצח געווען, עס איז דאך אן אנדערע סארט נצחון דא, דאס איז דאך נישט קיין נצחון גשמי – נאר א נצחון ברוחניות, (ממילא), דו האסט יא מנצח געווען - נאר עס איז דא 'נאך'! אט דער נצחון

---

[לא] עי' הסיפור באריכות בשיש"ק ח"א, אות שע"ג.

[לב] עי' גמ' יבמות דף סד.

[לג] עי' "ליקוטי מוהר"ן" סי' רכ"ג, ו"בחיי מוהר"ן" סי' תקנ"א בשם הזוה"ק ח"א דף קה:

האט נישט קיין שיעור, עס האט דאך נישט קיין שיעור! דו האסט מנצח געווען - אבער מען דארף 'נאך'[לד].

"יגעתי ולא מצאתי אל תאמין"[לה] - ווייל עס איז יא געווען 'מצאתי', 'מצאתי' איז יא דא - נאר עס איז דא 'נאך', אבער דו האסט יא געפינען! לויט וויפיל דיין יגיעה איז געווען, האסטו יא געפינען![לו]

**דערפאר האט דער רבי געזאגט צו ר' נתן: "דו זאלסט זיך ציען צו די העכסטע מדריגה, נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע!"**

- דאס איז א געוואלדיגער לשון; א מענטש אז ער ציהט זיך צו די העכסטע מדריגה - און עס קומט א נסיון, מען גיט אים א קלאפ אראפ און אווארף אראפ, (אזוי השי"ת אומר:) 'איך וויל זעהן צו וועט ער אראפפאלן און ווערן ביי זיך געפאלן, צו ער וועט זיך ציען קריק - ער וועט זיך דראפען ארויף קריק.

ביי צדיקים איז אזוי געווען, פלוצלינג האט מען אים געגעבן א ווארף אראפ מלמעלה און מען האט צוגענומען ביי אים די מוחין - אבער ער איז געבליבן שטיין גלייך, "אני חומה"[לז] - איך ריר זיך נישט פון דעם פלאץ! איך שטיי ווייטער אויף מיין פלאץ, איך 'וויל' ווייטער (אפילו) איך האב טאקע נישט די מוחין און איך האב טאקע נישט די געפיל, (פונדעסטוועגן) 'איך וויל ווייטער, איך שטעל זיך נישט אפ', אט דער איז זעכער אז ער גייט ווייטער[לח].

❖

---

[לד] עי' בליקוטי הלכות הל' ראש השנה ה"ד, בענין מה שמובא בזוה"ק "מאן נצח".

[לה] גמ' מגילה ו:

[לו] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ה, אות א'.

[לז] שיר השירים ח, י.

[לח] עי' בליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג באריכות.

# עשה מה שעליך

ביי ברוך בן נריה שטייט דאך, אז ער איז געווען א תלמיד ביי ירמיה הנביא, און ער איז געווען דער רבי פון עזרא הסופר. כל זמן ברוך בן נריה האט געלעבט איז עזרא הסופר נישט אוועקגעפארן פון בבל - כדי צו (קענען) לערנען תורה ביי אים, ער איז געבליבן אין בבל. אז ברוך בן נריה איז נפטר געווארן, דעמאלט איז עזרא הסופר אוועק קיין ארץ ישראל[לט].

פארשטייט מען, אז 'ברוך בן נריה' איז געווען עזרא הסופר'ס א רבי, איז ער געווען גרויס, אבער קיין נביא איז ער נישט געווען. עס איז דא א פסוק, אז ער האט געוואלט נבואה[מ], און ער האט נישט געהאט קיין נבואה.

דער אויבערשטער האט אים (פארגעהאלטן) - 'וואס ווילסטו? פארוואס זוכסטו גדולות?'[מא]. אז ער האט געוואלט דער זאך, איז דער אויבערשטער געווען אויף אים בתערומות - 'פארוואס ווילסטו נבואה?!' ווארום די אלע וואס האבן געהאט נבואה - אז דער אויבערשטער האט משפיע געווען אויף ירמיה הנביא נבואה - האט ער דען געוואלט? ער האט געזאגט **"אַל תֹּאמַר נַעַר אָנֹכִי כִּי עַל כָּל אֲשֶׁר אֶשְׁלָחֲךָ תֵּלֵךְ וְאֵת כָּל אֲשֶׁר אֲצַוְּךָ תְּדַבֵּר"**[מב]. איז פשט, אז ער האט נישט געוואלט קיין נבואה.

---

[לט] גמ' מגילה טז:

[מ] עי' בפרש"י על ירמי' מ"ה, ג', מה שטען ברוך בן נריה לפני המקום, וז"ל רש"י שם: "'**ומנוחה לא מצאתי' - לא שרתה עלי שכינה להנבא** כמו ותנח עליהם הרוח (במדבר י"א), **מה נשתניתי מתלמידי הנביאים?** יהושע שימש את משה - נחה עליו רוח הקודש, אלישע שימש את אליהו - נחה עליו רוח הקודש, אני מה נשתניתי?".

[מא] עי' בירמי', שם, פסוק ד-ה: "כֹּה אָמַר ה' הִנֵּה אֲשֶׁר בָּנִיתִי אֲנִי הֹרֵס וְאֵת אֲשֶׁר נָטַעְתִּי אֲנִי נֹתֵשׁ וְאֶת כָּל הָאָרֶץ הִיא. **וְאַתָּה תְּבַקֶּשׁ לְךָ גְדֹלוֹת אַל תְּבַקֵּשׁ** כִּי הִנְנִי מֵבִיא רָעָה עַל כָּל בָּשָׂר נְאֻם ה' וְנָתַתִּי לְךָ אֶת נַפְשְׁךָ לְשָׁלָל עַל כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר תֵּלֶךְ שָׁם". ופירש"י שם, וז"ל: "'תבקש לך גדולות' - נבואות, כמו 'ספרה נא לי את כל הגדולות' וגו' (מלכים ב ח), 'קרא אלי ואגידה לך גדולות' וגו' (ירמיה לג). אמר לו הקב"ה, אם אין כרם - אין סייג, ואם אין צאן - אין רועה, **איני נגלה על הנביאים אלא בזכותם של ישראל כך שנוייה במכילתא בתחילתה**".

[מב] עי' ירמי' א, ו-ז.

פון דער זוהר הקדוש ווייזט אויס, אז דער ענין פון חכמה איז גאר העכער פון נבואה![מג] עס איז געווען אזעלכע גדולים וואס זענען געווען העכער פון נביאים.

ביי דער 'מַראה' דארטן ביי דניאל'ן - ער האט געזעהן, און דעמאלט זענען געווען די נביאים מיט אים - און זיי האבן נישט געזעהן[מד].

שוין - מיר רעדן דא אויף אונז. יעדע עצה פונעם רבי'ן דארף מען מקיים זיין בפשיטות ובתמימות, און גלייבן אז דער עצה איז א טובה פאר מיר 'בזה ובבא'[מה]. און כאטש איך זעה נישט ביי זיך קיין שום שינוי, זאל ביי מיר די עצה נישט ווערן שוואך. 'איך דארף טאן, איך בין אן עבד', אז מען האט דיר געזאגט: 'גיי טוה' – טוה! דאס איז דיין זאך! (וכמו שאמר רבינו למוהרנ"ת:) 'דו זאלסט רעדן מיט מענטשן - אז די מענטשן ווילן דיר נישט הערן, דאס איז נישט דיין זאך - דו רעד!'[מו]

ער (מוהרנ"ת) האט געהאט א ציווי פונעם רבי'ן אז ער זאל רעדן מיט מענטשן - און מען פלעגט אים גאר אויסלאכן, מען האט געמאכט געלעכטער און געשפעט, און רבי נתן האט (ווייטער) גערעדט, האט ער טאקע אויפגעשטעלט דעם רבי'נס השארה. נישט אלע האבן געהאלטן פון אים. און אז ער האט זיך אוועקגעשטעלט רעדן - האט מען אים אויסגעלאכט, געלאכט. אבער פון דעם געלעכטער זענען מקורב געווארן אנשים כשרים!...[מז] - און אנדערע האבן ווייטער געלאכט.

דאס אייגענע איז ביי זיך אויך: 'דו טוה וואס מען הייסט דיר - און ווייטער איז נישט דיין עסק' - די פעולות וואס דארף ווערן דערפון דאס איז נישט דיין עסק, דאס מאכט

---

[מג] ח"ב, דף ו' ע"ב; מובא גם בגמ' בבא בתרא דף יב ע"א: "חכם עדיף מנביא".

[מד] עי' דניאל ב.

[מה] עי' שיחות הר"ן קפ"ה.

[מו] עי' חיי מוהר"ן שכ"ה.

[מז] עי' בטעם זקנים קונטרס צ"ה, סיפור של ר' עוזר מאומן.

מען שוין אויבן חשבונות. און אמאל הייסט מען אים צוואוואַרטן. דו דארפסט טוהן דיין זאך, "עשיתי מה שמוטל עלי, עשה מה שעליך"[מח], דו טוה וואס אויף דיר איז מוטל[מט].

❖

## פארוואס פיל איך נישט קיין טעם?

דער 'בן יחיד'[נ] האט נישט געפילט קיין טעם אין זיין תורה ותפילה און אין זיין עבודה נאר ער האט נישט געוואוסט 'וואס' - 'פארוואס ער פילט נישט קיין טעם'. פלעגן אונזערע לייט תמיד זאגן: אז ער האט זיך ארומגעקוקט, און ער האט געזעהן אז ער האט נישט קיין שום עוולה וואס דערפאר זאל ער נישט פילן קיין טעם אין דאווענען און לערנען, ער איז געווען א קדוש.

- אז 'איך' זעה דארטן אז איך קען נישט דאווענען, דארף איך וויסן 'פארוואס'?! (כי פשוט) אז איך היט נישט די אויגן - קען איך נישט דאווענען. אז איך היט נישט דעם געדאנק - קען איך נישט דאווענען. אז דער מויל איז נישט אפגעהיט - קען איך נישט דאווענען. (א"כ) ווייס איך דאך יא 'פארוואס' - איך דארף פרעגן 'פארוואס?' איך ווייס דאך 'פארוואס'!

'ער' (הבן יחיד) איז אבער געווען אין אלעם אפגעהיט אז קיין שום זאך איז נישט געווען ביי אים אין וואס ער זאל (קענען) אנהענגען אז 'דערפאר' קען ער נישט דאווענען. ער איז געווען אן אפגעהיטענער, ער איז געווען מיט אלע אברים אויסגעהייליגט. (ע"כ הציר לו) 'פארוואס טאקע קען איך נישט דאווענען?'. האט ער זיך באַראָטן מיט צוויי אינגעלייט 'פארוואס'. (אמרו לו:) 'פאָר צו דעם רבי'ן - צו דעם צדיק, וועט ער דיר זאגן.

- דאס איז די אייגענע וואס מיר רעדן דא; עס דארף נישט זיין קשה (מה שאין לו מוחין וחיות), אבער מען דארף פארן צום צדיק, מען דארף פארן צום צדיק.

---

[מח] מתוך התפילה שאחר התיקון הכללי.

[מט] עי' בליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י'.

[נ] עי' מעשה ח' מרב ובן יחיד מספה"ק סיפורי מעשיות.

'ער' האט זיך דאך נישט געקענט באגנוגן, ער איז געווען א געוואלדיגער איש אמת - דער בן יחיד, ער האט דאך נישט געקענט רוען - 'איך פיל דאך פארט נישט קיין טעם', ער האט זיך נישט געלאזט אפנארן - 'איך פיל דאך פארט נישט קיין טעם אין לערנען און דאווענען'. דאס אליין איז א מדריגה, אז מען דארף וויסן – 'מען וויל פילן א טעם'. וואס הייסט א טעם? א מתיקות אין דער עבודה.

❖

# אויפן שארף פון א שווערד

מען האט געזאגט צו ר' נתן'ען, אז ר' שמואל אייזיק האט געזאגט, אז 'אויב ער וועט פילן ביי זיך אז ער זאגט היינט דעם אייגענעם "שמע ישראל" פון נעכטן, וואלט ער זיך אוועקגעלייגט דעם קאפ ביים שוועל אז מען זאל אים אפהאקן דעם קאפ, עס איז אים זיין לעבן נישט ניחא' - אזוי האט ר' שמואל אייזיק געזאגט.

ווען ר' נתן האט דאס געהערט, האט ער געזאגט אזוי: "אים האט דער רבי געפירט אויף א שארף פון א שווערד, און ער איז בייגעקומען!; מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען - מיר האבן מקבל געווען פון דעם רבי'ן, אז מען קען נישט דאווענען יום כיפור - דאוונט מען צו גא-טס נאמען". ['ממחרת יום כיפור' - הייסט 'גא-טס נאמען'[נא]]. פארוואס? ווייל דער נישט קענען דאווענען איז נישט קיין ראיה דערפאר (אז עס איז דא) עפעס א פגם, ווייל עס איז פארהאנען אמאל א גדול וואס מען פרואווט אים מיט 'נישט קענען דאווענען', אויבן מלמעלה פרואווט מען.

אז מען האט אמאל א זעלנער - א גוטער זעלנער, און דער מלך וויל אים אויספרואוון - פרואווט ער אים אויס מיט פארשידענע זאכן צו זעהן צו איז ער א זעלנער אין אלע צייטן צו נישט, ער פרואווט אים אויס מיט 'דער' זאך מיט 'דער' זאך, דעמאלט ווערט ער ביי אים חביב!

[נא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ו.

פארוואס האט דער אויבערשטער געפרואווט אברהם אבינו מיט אזוי פיל נסיונות? געוואלד - אברהם אבינו האט דאך 'בשמים ובארץ'[נג] מודיע געווען בפי הבריאות (אמונת היחוד!, ועם כל זה) מיט אלע מיני אויספרואוון האט דער אויבערשטער געוואלט (לנסותו), און ער האט זיך אלץ געהאלטן אינעם אויבערשטן - אה, "אברהם אוהבי"[נג].

❖

# ביז מען ווערט אן איש כשר

יעדעס ווארט פונעם רבי'ן איז 'אמת ויציב', און חלילה נישט זיין קיין מסופק, יעדער עצה פונעם רבי'ן וואס דער רבי גיט אונז - איז אן עצה מבוררת, דאס איז מטהר דעם גוף 'בזה ובבא', עס איז קיין שום ספק נישט דא אין דער זאך! איי, מען טוט און מען זעהט נאך נישט ארוים דער פעולה דערפון? זאגט מען אים: "המתן" - ווארט צו, ווארט צו![נד] און אז ער ווארט, און בשעת ער ווארט הערט ער נישט אויף צו וועלן, דערוואַרט ער זיך!

ר' נתן האט געזאגט: 'ביז מען ווערט אן איש כשר צריך להתמהמה הרבה'[נה] - עס דארף אסאך געדויערן. איך קען נישט זאגן: 'שוין'. און פארוואס קען נישט זיין 'שוין'? ווייס איך אויך נישט פארוואס, דאס קען איך אויך נישט וויסן. אז עס קען נישט זיין 'שוין' - קען נישט זיין 'שוין' און עס טאר נישט זיין 'שוין'! אז עס זאל זיין דער 'שוין' פאר דער צייט, וועט עס זיין פאר דיר א 'היזק'. מען זעהט דאך, די 'ימי העיבור' מוז זיין 'ימי העיבור', אז נישט איז עס א נפל. (כמו כן) אין יעדער זאך אין אידישקייט איז אזוי.

דער רבי רעדט אין א תורה וועגן דעם[נו]; אז עס גייט ארוים (העיבור) פאר דער צייט, הייסט עס א נפל. "וכי ינצו אנשים" (עיי"ש). דער זמן העיבור, ווייסט מען טאקע, איז ניין חדשים. אבער דער זמן פון אידישקייט (עד שנעשין איש כשר) ווייסט קיינער נישט, נאר

[נב] עי' רש"י בראשית כד, ז.

[נג] ישעיה מא, ח.

[נד] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ב'.

[נה] עי' "כוכבי אור" - אנשי מוהר"ן, אות י"ד.

[נו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן כ'.

דער אויבערשטער אליין ווייסט. נישט יעדער איינער איז גליך. ווען איז מיין צייט, און ווען דארף איך (לבוא למבוקשתי - אי אפשר לידע!).

אונזער זאך איז נאר - 'טוה!' זיי מקיים די עצות פונעם צדיק אויף דיין ערך און האלט זיך אין שמחה. חשבונות וועט מען שוין מאכן אויבן - דו מאך נישט קיין חשבונות, די חשבונות קען קיינער גארנישט פירן, וואס ווייסן מיר? מיר ווייסן גארנישט! אויבן פירט מען די חשבונות.

❖

# דו ביסט דאך דאס געווען

אלע ווייסן פון דעם; עס איז געווען איינער אין מעזיבוש וואס ער איז געווען פון די גרויסע מענטשן ביים בעל שם הקדוש - א געוואלדיגער מענטש געווען, און ער איז געווען אן ארעמאן - מיט א שטוב מיט קינדער, און האט נישט געהאט חתונה צו מאכן, אמאליגע יארן... (האט זי אים געזאגט:) "די גאנצע וועלט פארט דאך צו אים - פרעג אים: 'פארוואס ביסטו אזוי?'".

האט ער געפרעגט דעם בעל שם. האט ער אים געזאגט אז ער זאל פארן צו 'דעם' שטאט און ער זאל פרעגן אויף א מענטשן, (ער האט אים געגעבן עפעס) א נאמען. שוין. מער האט ער נישט געזאגט.

ער איז געקומען אהין צו דעם שטאט, גיט ער א פרעג אויף דעם (מענטש) - און קיינער ווייסט גארנישט פון וועמען מען רעדט. האט ער [געפרעגט] אן אלטער מענטש, אן אלטער איד. זאגט ער: 'יא, דער מענטש איז דאך שוין נישטא אזוי פיל יארן, ער איז דאך געווען אן אויסוואָרף, א בעל עבירה'ניק, א מיאוס'ער מענטש - פון וועמען רעדסטו?!' (וביקשו:) 'דערציייל מיר וועגן אים'. (וסיפר לו:) 'א בעל עבירה'ניק איז ער געווען, אויף דעם מענטשן פרעגסטו?!'

אז ער איז געקומען צוריק צום בעל שם, (אמר לו הבעל שם:) **'אט דער מענטש ביסטו געווען דעמאלט, איז וואס איז דיר קשה וואס אויף דיר גייט איצטער איבער?!'...**

❖

דער אמת'ער צדיק וואס ער ווייסט די אלע דורות, ווייסט ער דאך וויפיל מאל ער (האדם) איז שוין געווען אין דעם עולם און וואס עס האט זיך (איבער)געקאכט (מיט אים) און וואס עס איז אויף אים איבערגעגאנגען - איז 'ער' קען זאגן, ער קען רעדן. אבער וואס ווייסן מיר?! דאוועו און לערן, און דאס איבעריגע - 'גלייב און זיי פריילין', ווייטער איז נישט דיין עסק, ווייטער האט נישט שייכות צו דיר, מיר קענען נישט מאכן קיין חשבונות.

יעדער נקודה טובה וואס מען כאפט ארויס, איז א געווינס! אפילו אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן, איז שוין א געוואלדיגער געווינס! (וכמו כן) זאגן א קאפיטל תהלים און עפעס לערנען, אדער עפעס טאהן.

דעם היפך (פון דעם) פארשטייט מען שוין אליין; רעדן 'דברים בטלים' טויג אוודאי נישט, דאס טויג נישט! א חוץ וואס דאס איז מזיק, קען איך דאך אין דער צייט רעדן גוטע דיבורים.

❖

# נאך נישט קיין תלמיד פון בעל שם

די וועלט זאגט אויף דעם וועג פונעם רבי'ן – (כגון) חצות צו התבודדות, אז עס איז נישט שייכות פאר אזעלכע מענטשן - אזוי זאגט דער וועלט. אפילו נאך מיט יארן צוריק האט מען אויך אזוי געזאגט[נז]. 'עס איז בלויז שייך צו תלמידי הבעל שם, תלמידי המגיד, דאס איז נישט שייכות צו די מענטשן. א בעל בית דארף זיך לייגן שלאפן ביינאכט און אויפשטיין פרי און זאגן אביסל תהלים און אביסל משניות און גיין אין דער מסחר - און שוין, פארדרייט מען אים א קאפ מיט די מעשה'ס...

דער רבי האט אבער געזאגט: 'ניין'. איצטער איז דא אזעלכע צובראכענע מענטשן, אז מען מוז זיי געבן אזעלכע טייערע רפואות - אזעלכע רפואות וואס מען האט אמאל

---

[נז] עי' בספר "השתפכות הנפש", ב'פתיחה', נדפס גם בתחילת כרך ג' שבליקוטי הלכות - מאמר מכתב יד מוהרנ"ת, ושם בא"ד: "הרי מבואר בתוספות הנ"ל **היפך דעת קצת המהפכין את האמת שאומרים:** שאין ראוי לעסוק בהתבודדות לפרש שיחתו לפני ה' יתברך כי אם גדולי הצדיקים, אבל לא בני הנעורים, ובפרט אנשים מגושמים בתאוות רעות וכו' ר"ל, והרי מבואר בתוספות הנ"ל ההיפוך ממש", וכו', עיי"ש.

געגעבן די צדיקים וואס דערפון זענען זיי געפלויגן אין די עולמות - דארף מען איצטער געבן פאר די דאזיגע מענטשן אז מען זאל זיי פשוט ראטעווען פון זייערע ביטערע תאוות! מען דארף זיי געבן די אייגענע רפואות, מען דארף זיי געבן אט די רפואות![נח]

מיר דארפן זיך נאר נישט לאזן נארן אז ווייל מיר טוען די רפואות וואס גדולים האבן געטאן, בין איך דאך שוין אויך א גדול - ניין, דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן. די רפואות וואס מען האט אמאל געגעבן פאר די צדיקים, דארפסטו היינט אויף דיינע איבערגייעכטס וואס אויף דיר גייט איבער, אבער די רפואות דארף מען האבן.

איצטער דארף יעדער איינער האבן א רפואה - פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'! יעדער איינער דארף האבן די רפואה וואס אמאל איז עס געווען א רפואה פאר גדולים - יעדער איינער דארף האבן די רפואה. (כמו כן) 'אויפצושטיין ביינאכט אין דעם עת רצון' - דארף יעדער איינער האבן די רפואה און ארויסכאפן דעם עת רצון.

אט דאס איז א געוואלדיגער בקיאות, דו דארפסט טאקע נעמען די רפואות - אבער לאז דיר נישט נארן אז דו ביזט שוין אויך א צדיק - 'איך בין שוין אויך איינער פון די תלמידי בעל שם... ווייל וואס האבן געטאן די תלמידי בעל שם? זיי זענען געגאנגען אין פעלד אריין און (אויפגעשטאנען) חצות - איך טוה דאך אויך אזוי, איך בין שוין אויך א תלמיד הבעל שם' - לאז דיר נישט נארן! איך גיב דיר די רפואות ווייל דו דארפסט האבן די רפואות, צו דיין חולאת דארפסטו האבן 'די' רפואות.

אט דאס הייסט אויך 'תמימות', דאס איז אויך דער וועג פון תמימות, 'פרעג נישט קיין קשיות, גיי בתמימות ווייל אזוי האט מען דיר געהייסן. אזוי טוה און שוין'.

❖

# לעתיד וועט מען וואוסן

ער דערציילט דאך - מאטעלע יגלניק, אז זיין טאטע האט אים געבראכט צו א מפורסם דארטן. האט אים דער מפורסם געפרעגט (בשחוק): 'דו רעדסט דאך צו אים (צום אויבערשטן) ביי התבודדות, וואס ענטפערט ער דיר?!'... - דאס איז דאך אן

[נח] עי' חיי מוהר"ן ש"ץ.

אפיקורס'ישע ווארט. האט אים מאטעלע עפעס געענטפערט. אינדרויסן האט אים דער פאטער געגעבן צוויי פעטש - 'פארוואס האסטו אזוי געזאגט דעם רבי'ן?'.

(ר' משה: יענער מפורסם האט אים געזאגט, אז דאס איז נאר פאר גדולים. האט ער געענטפערט: 'אונזער רבי זאגט פארקערט ווי איר זאגט!') יא יא - ער געדענקט... אזוי האט ער אים געענטפערט: 'אונזער רבי זאגט פארקערט'.

יעדע עצה פונעם רבי'ן וועט מען לעתיד וויסן די טובה וואס מען האט אז מען איז מקיים די עצה! לעתיד וועט מען וויסן דער טובה וואס מען האט דערפון![נט] דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל טאקע זיך ציען צו טאקע מקיים זיין, נישט נאר רעדן דערפון, נאר טאקע מקיים זיין! דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז מיר זאלן זיך באנייען אין דעם רבי'נס זאך, עס זאל זיין ביי אונז פריש יעדער עצה (עד שנרגיש) – 'דאס איז מיין זאך, מיין חיות בזה ובבא!' (מען זאל) זיך רייסן דערצו, און 'ווילן' מקיים זיין דער זאך.

אז דו ביסט א זעלנער און מען האט דיר געהייסן טוהן – טוה! שטיי אויף פראסט און טוה! ווייטער איז נישט דיין עסק.

פון דעם 'חכם'[ס] לערנען מיר ארויס דעם היפך דערפון. דער חכם האט געפרעגט א זעלנער: 'ווער מען דינסטו?'. וואס האט אים געענטפערט דער זעלנער? - 'איך דין דעם מלך', שוין. (שאל החכם:) 'דו האסט אים אמאל געזעהן?!' (ענה לו: 'לא'. וגמר החכם בדעתו:) 'איז א סימן אז דאס איז פאלש'.

---

[נט] עי' חיי מוהר"ן שנ"ד: "ענה ואמר על שני כיתות אנשים יש לי רחמנות גדול עליהם, על אלו אנשים שהיו יכולים להתקרב אלי ואינם מתקרבים, ועל אלו המקורבים אלי ואינם מקיימים את דברי. **כי אני יודע שיהיה עת בעת שיהיה האדם מונח על הארץ עם רגליו אל הדלת, אז יסתכל על עצמו היטב ויתחרט מאד מאד על שלא זכה להתקרב אלי, או שלא קיים את דברי. כי אז ידעו שאם היו מקורבים אלי ומקיימים את דברי לא היה שום דרגא בעולם שלא הייתי מביאם לאותה המדרגה.** אבל לא יועיל אז. ענה ואמר: אם חס ושלום לא יבוא משיח במהרה, יהיו העולם מתגעגעים אחרי הרבה מאד הרבה יותר וכו'".

[ס] עי' מעשה ט' - "מעשה מחכם ותם" מספה"ק סיפורי מעשיות.

דער חכם פרעגט שוין אזוי... דאס איז שוין אפיקורסות. אבער דער אמת איז, א זעלנער דארף וויסן: 'ער דינט דער מלך!' מער דארף א זעלנער נישט וויסן, מער איז נישט שייכות צו אים - 'איך דין דעם מלך' און שוין.

❖

# 'דארטן' וועט ער פארן מיט דעם קארעטע

עס איז דאך 'צוויי דרכים' - די מעשה פון דער 'חכם ותם', און דאס איז א געוואלדיגער שורש אין אידישקייט; עס איז דא א וועג פון חכמה - איבערלעבן מיט א וועג פון חכמה, און צום סוף לאזט זיך אויס פון אים אז ער ליגט אין די בלאטע, און ער גייט צו פיס - נאקעט און בארוועס; און א וועג פון תמימות ופשיטות, און מען ווערט א מיניסטער, מען פארט אין דעם קאַרעטע[סא]. צוויי וועגן איז דא אין אידישקייט.

מיר האבן יענע וואך געליינט (אצל השיעור ב"סיפורי מעשיות" – מ'חכם ותם'), אז דער 'פארן אין דער קארעטע' - איז נישט דער פשט, אז 'שוין' פארט ער אין דער קארעטע. די מעשה ציהט זיך דאך אוועק - פון 'משנים קדמוניות', און לאזט זיך אויס ביי משיח'ן[סב]. איז אין דעם המשך הזמן ווארפט זיך דורך א קארעטע - אז מען פארט אויף א קארעטע אויך, און אז ער ווערט א מיניסטער אויך. אבער נישט יעדער איינער פארט 'שוין' אין דער קארעטע. נאר דער וועג פון תמימות פירט צו דערצו. ווען עס וועט צופירן? ווייס איך אליין נישט. אמאל איז דא איינער, וואס דארטן (בעולם הבא) וועט ער פארן מיט א קארעטע![סג]

---

[סא] עיי"ש בהמעשה, בסופו, מש"ש מוהרנ"ת, וז"ל: "פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס מְדֶערְצֵיילְט. וִוי אַזוֹי מִקָאן אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי וֶועלְט מִיט בְּרוֹיט אוּן מִיט וַואסֶער אוּן מִיט פֶּעלְץ. אוּן מְזָאל אַבֶּעסֶער לֶעבְּן הָאבְּן אוּן אַ פְרֵיילִיכֶער לֶעבְּן. אֵיידֶער דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. אוּן צוּם סוֹף אִיז זִיךְ אַוַודְאַי נָאר גוּט דֶעם תַּם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּגְן גִילָאזְט מִיט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוּן אִיז תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען. אוּן דֶער וָואס וִויל זַיין אַ חָכָם אוּן טְרַאכְט פִיל אִיבֶּער. וֶוערְט עֶר פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. אוּן אִיז פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. אוּן דֶער הָאט קֵיין מָאל קֵיין לֶעבְּן נִיט. אוּן צוּם סוֹף וֶוערְט עֶר פַארְלוֹירְן. בִּיז דֶער תַּם מוּז אוֹיף אִים רַחְמָנוֹת הָאבְּן. אוּן זָאל אִים הֶעלְפְן. חוּץ דֶעם אִיז נָאךְ דָא אִין דֶער מַעֲשֶׂה זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. וָוארְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען דוֹרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה".

[סב] עי' עלים לתרופה מכתב ב'.

[סג] עי' שיחות הר"ן רמ"ד.

(ולעומת זאת) מיט דער וועג פון חכמה, ליגט מען אין די בלאטע, מען ליגט אין טייוול, אט דאס איז 'דער' וועג! 'דער' וועג פירט צו דערצו. אז ער איז א 'רואה את הנולד' וואס דאס איז דאך א 'חכם דקדושה' - זעהט ער ארויס, 'סוף כל סוף וועט מען ליגן אין די בלאטע, פארוואס דארף איך אננעמען דער וועג פונעם חכם?!'[סד]

בפשיטות אז מען לייענט דער מעשה - אז 'בשעת דער מלך האט גערעדט מיטן תם האט ער געזעהן זיין תמימות' - גייט דאך דאס אויף לעתיד - ווען ער גיט אים 'דין וחשבון', אז ווען ער (הקב"ה) פרעגט אים איבער 'דארטן' און ער זעהט זיין ערנסקייט און זיין תמימות און זיין פשיטות, באקומט ער א געוואלדיגער התפעלות - דאס איז דאך דער עיקר, אזוי קומט אוים.

יעדער דארף דאך מאכן דעם חשבון: "על כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון"[סה] - דו וועסט דאך מוזן. נו, גרייט דיר צו! אז מען וועט דיך פרעגן, 'וואס וועל איך ענטפערן?!' - "מה אשיב שולחי דבר?"[סו].

מען דארף דאס רעדן צום אויבערשטן: "דו וועסט דאך מיר פרעגן - וואס וועל איך דיר ענטפערן? וועל איך האבן עפעס א רעכטן תירוץ דיר צו ענטפערן?!" - אט דאס דארף איך אלץ רעדן צום אויבערשטן דיבורים, נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל - אזוי ווערט אריינגעווארפן א שטיקעלע אמת, און דאס איז 'שוין' כדאי... ער האט שוין א הרהור תשובה, ער טראכט שוין, ער האט שוין מורא.

❖

# נאר מיט שמחה

מען דארף זיין אן עקשן אין דער זאך, דאס איז דעם רבי'נס וועג! און זיין בשמחה תמיד, און נאר רייסן זיך צו שמחה! ווארום אז מען וויל גיין אויף דעם וועג, מוז מען זיין פרייליך, ווארום 'כי צריך להתמהמה הרבה' - דאס געדויערט לאנג, דאס איז נישט

[סד] עי' שיש"ק ח"א, תרל"ג.

[סה] משניות אבות פ"ד, מכ"ב

[סו] שמואל-ב כד, יג.

קיין זאך פון איינס-צוויי - און מען איז שוין פארטיג. דערפאר דארף מען זיין בשמחה, אז נישט וועט ער זיך נישט האלטן. א זאך וואס איז אויף א רגע, אדער אויף א טאג - ממילא, אבער דאס איז דאך אן אייביגע זאך - מוזטו דאך זיין פריילין, אז נישט קענסטו זיך נישט האלטן בשום אופן[סז].

'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד'[סח] - איז דער פשט, ווייל עס קען נישט זיין אָן דעם; אָן שמחה וועט ער בשום אופן נישט אויספירן קיין שום זאך. ווייל מען גיט נישט באלד, מען דארףווארטן - און אז מען דארף ווארטן, דארף מען זיך (קענען) האלטן. און מיט וואס האלט מען זיך? מען האפט צום אויבערשטן: 'דער אויבערשטער וועט רחמנות האבן - איך וועל פארט געהאלפן ווערן!' אט דאס איז דאך 'שמחה'! דאס הייסט דאך 'שמחה'. דער וואס איז בעצבות, דער האפט דאך נישט, ער ווערד דאך אן דעם בטחון. און שמחה הייסט דאך, אז מען האפט צו אים, מען האפט אז דער אויבערשטער וועט העלפן.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז! נו, מיר דארפן גלייבן אז אפילו די דיבורים וואס מיר רעדן איז אויך א גוטער זאך - דערווייל רעדט מען דאך פונעם רבי'ן... און (מיר דארפן) לויבן דעם אויבערשטן – עס איז דאך דא אזעלכע מענטשן אין דער וועלט, אזעלכע מתנגדים רח"ל, וואס רעדן אזעלכע דיבורים (ה"י), און מיר ברוך השם זענען נישט אין דעם גורל פון זיי, חס ושלום, נאר אדרבה - ביי מיר איז זייער חשוב יעדעס דיבור פונעם רבי'ן.

(מען דארף) אריינרעדן אין גוף אריין: 'לאז זיך נישט נארן, ווייס ווער דו ביסט!' - דאס איז א געוואלדיגער (עצה), דאס איז א געוואלדיגער הילף פאר'ן מענטשן! לאז זיך נישט נארן! וועמען נארסטו אפ?!

❖

[סז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י'.

[סח] ליקוטי מוהר"ן תניינא כ"ד.

# אוי לו למי שהעולם מטעין בו

עס שטייט טאקע אין דער היינטיגער סדרה, אז עשו האט געזאגט: "יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי"[סט]. עשו האט געזאגט: 'איך האב נישט געזאגט'. זאגט דער מדרש - (שאמר הקב"ה:) 'איך בין דאך א בוחן לבות, ווען זאגסטו אז דו האסט נישט געזאגט?'. "ויאמר עשו בלבו, יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי". [עס איז דא א דיעה, אז ער האט געוואלט הרג'ענען יצחק'ן אויך[ע]]. זאגט דער אויבערשטער: פארוואס זאגסטו, עשיו, אז איך האב נישט געזאגט? ווען זאגסטו? איך בין דאך א בוחן לבבות! מיר קענסטו זאגן אז דו האסט נישט געזאגט?!

דאס דארף מען רעדן, לאז זיך נישט נארן, דער אויבערשטער קענסטו נישט נארן, וויים ווער דו ביסט. נאר וואס דען, האלט זיך! וויים ווער דו ביסט, און פאל נישט אראפ ביי זיך! און 'טוה'! ווייל דו קענסט טוהן מיט די עצות פונעם רבי'ן. דו האסט א עצה פון 'רעדן צום אויבערשטן'! אוי, מען וועט אמאל וויסן דאס גרויסקייט פון דער עצה! 'רעד צום אויבערשטן דיבורים'![עא]

עס איז דא א לשון פון א גמרא[עב]: "אז דער גאנצע וועלט זאגט אויף דיר אז 'דו ביזט א צדיק', דארפסטו זיין ביי זיך (הֱיֵה בעיניך כרשע"). עפעס א לשון, אז דו זאלסט זיך נישט לאזן. (לכאורה) עס איז דאך א מציאות, דער גאנצער וועלט זאגט אויף מיר אז איך בין א צדיק, דאס הייסט, א מפורסם אין דער גאנצער וועלט. (אבל עם כל זה) דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, דו וועלט זאל דיר נישט אפנארן![עג]

---

[סט] בראשית כז, מא.

[ע] מדרש רבה - וישלח, פע"ה, פ"ח.

[עא] עי' שיחות הר"ן רכ"ח.

[עב] נדה דף ל:

[עג] עי' שיחות הר"ן נ"א.

**'אוי לו למי שעולם מטעין בו'[עד] - אז דער וועלט ברענגט אריין אין אים דער טעות אז ער זאל זיך לאזן נארן. דאס איז א געוואלדיגער טייטש - דער 'עולם מטעין בו'[עה], אז דער וועלט ברענגט אריין אין אים א טעות אז ער זאל זיך לאזן נארן (כחשבו:) "עס איז דאך א וועלט, אלע האבן א טעות?!".**

**דו זאלסט וויסן ביי זיך ווער דו ביסט, דו ווייסט דאך פארט דער אמת; און דארטן איז דאך אן עלמא דקשוט. מען דארף נאר רעדן צום אויבערשטן דיבורים און ארויסקלאפן דעם טעות וואס דער וועלט וויל דיר נאך אפנארן, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן!**

---

[עד] מגרגניתא דבי רב (דרבי מאיר).

[עה] עי' בספה"ק "אור המאיר" פר' חוקת מש"ש: "**ונראה בדרך צחות, אשר בכאן מוסר השכל לאנשים המתנשאים ומתפארים לקרותם בשם רבי, כאשר נוהג עתה בדור הזה, רבים הם עמי הארץ אשר לא ידעו בין ימינם לשמאלם, ועם כל זה קונים שם לעצמם שם רבי,** ובארתי מאמרם ז"ל (במרגניתא דר' מאיר), אוי לו למי שהעולם מטעים בו, ולכאורה הענין תמיה: **וכי מה חטא זה שהעולם מטעים בו, ראוי 'להם' לשון ה'אוי', שהטעות נגד פניהם - לטעות באיש בער ולא ידע, אמנם האיש שהעולם טועים בו, נקה מעון ולא פעל שום רע בזה שהעולם בטעות, ולמה לקרות עליו: אוי?** אמנם באמת ידע אנוש בנפשו, או צדיק גמור הוא או רשע, ואם כן מהראוי אפילו אלף אנשים שלא הריחו בו ואינם מכירים את מעשיו, ומשבחים אותו לקרותו בשם רבי, האמת שהטעות נגד פניהם, על כל פנים למה לו להתענג מזה, ונפשו יודעת מאוד ששקר ענו בפיהם, ואין האמת אתם, ואל יכנס הטעות בקרבו שראוי באמת לקרותו בשם רבי, **ומי שנבער מדעת והעולם מכניסים בקרבו את הטעות, בודאי אוי לו ואוי לנפשו רעה**, כי ידע אנוש בנפשו אם צדיק הוא או רשע, ולזה כיוונו רז"ל אוי לו שהעולם מטעים בו, פועל יוצא, כלומר מכניסים בקרבו את הטעות, והוא ידע האמת, ועם כל זה תועה מדרך השכל וקונה לעצמו שם רבי, ורצונו ליהנות עצה ממנו, וכל העולם יטריחו בשבילו במזון וכסות וכל צרכיותיו המרובים", עיי"ש.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **אליעזר**
**וואלדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **נחמן** ב"ר
אפרים אליעזר
**פריעדמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **יוסף בעריש**
**פעקעטע** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **משה יצחק**
**שטיינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **שלמה זלמן**
**שפיטץ** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **שמעון**
**האס** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל הולדת הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **לוי יצחק**
**הערצאג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת
מו"ה **יעקב**
ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
מרת **רוחמה שרה**
ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת אנ"ש **קדושי אומאן** שנהרגו על קדושת
השם בימי **ב' וג' אייר** בשנת **תרצ"ח**
השם ינקום דמם